# פרשת לך לך

## בס"ד. משיחת י"ג תשרי ה'תשמ"ח

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

בשעת מ'דערמאנט דעם ענין און בפרט נאך אַז מ'איז מדגיש, און מ'רעדט וואס איז דעם תּוכן פון די פּרשיות האַמורות, און ווי אַזוי מ'איז געשטאנען דעמאלט בלשון הרמב"ם "כעומד לפני הגבורה וכולהו", איז דער רעדן וועגן דערויף אַליין איז שוין עושׂה רושם, בפרט נאך ווען דאס איז "דברים היוצאין מן הלב",

על אַחת כמה וכמה אַז מ'רעדט דאס ברבים "אַכּל בי עשׂרה שכינתּא שריא[1]" אָדער נאך מערער, וועגן דעם ענין פון אַ מעמד ומצב וואס "האנשים והנשים והטף[2]" שטייען און הערן מפי המלך "כאלו שומע מפי הגבורה", און מיט אַלע לשונות און די אַלע כּונות ווי די רמב"ם רעכנט דאס אויס, איז דער רעדן וועגען דערויף אַליין ברייגנט אים שוין אַריין אין התרגשות.

וואס אָט דא ווערט די שאלה: היתּכן מ'דארף זיך אויפהויבן אַ רעש "קול רעש גדול" און זעהן אַז מ'זאל זיך פארנעמען מיט "הקהל את העם האנשים והנשים והטף?

וכמדבר, בדוגמא ווי מ'זאגט בנוגע צו הקרבת הקרבן, אַז בזמן שבית המקדש היה קים האט מען געדארפט האבן אויף דערויף דוקא אַ כּהן, ער האט געמעגט מקריב זיין דעם קרבן על גבי המזבח, און אַן אַנדערער האט דאס גאר ניט נאר ניט געדארפט, ער האט דאס גארניט געטארט.

משחרב בית המקדש און "תּפלות במקום קרבנות תּקנום[3]" – אָט דעמאלט איז געווארן דער סדר, אַז ווי מ'ווערט אַ "בר מצוה" אָדער אַ "בת מצוה" איז מען שוין שיכות מקריב זיין אַ קרבן, בכל הפּרטים שלו ווי זיי שטייען אין די הלכות אָדער אין די תּפלות וואס "במקום קרבנות תּקנום".

און ס'איז דאך מובן וגם פּשוט, אַז לכל לראש דארף זיין דער ענין פון הקהל, בשעת מ'פארבינדט דאס און מ'איז מסביר, זיך און די אידן אַרום זיך, ביז אויך "הטף", אַז ס'איז דא אַ ענין פון אַ מקדש רוחני;

פּונקט ווי ס'איז געווען דעמאלט אַ מקדש גשמי בפשטות, איז איצטער דא אַ מקדש רוחני, און "ושכנתּי בתוכם" – אָט דאס איז אַ אידישע הארץ.

און אין דער אידישע הארץ וואס ס'געפינט זיך ביי אים ברשותו ובגופו, ואַדרבא דאס איז "פליג דמא לכל שיפין[4]" קומט דאך דאס פון דער הארץ – אַף על פי וואס ער האט חלל הימני און אויך חלל השמאלי –

1) גמרא סנהדרין דף לט ע"א.
2) פרשת וילך פרק לא
3) גמרא ברכות דף כו ע"ב.
4) זהר ח"ג דף קסא רע"ב.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת לך לך

איז "פליג דמא לכל שיפין", און דער "דם הוא הנפש[5]" שבכל האברים – אויך אין מח שבראש נעמט זיך און ער קומט אָן אַהין צו פון דעם לב וואס "מראה באצבעו ואומר זה" – אָט דאס איז אָט די הארץ וועגן וועלכע ס'רעדט זיך.

איז דאך פארשטאנדיק די געלעגענהייט – במילא אויך דער שטורעם – וואס מ'דארף אין דערויף טאן, ווי מ'דארף אין דערויף טאן און וואס מ'דארף אין דערויף טאן, און אין אַ אופן אַז יפה שעה אַחת קודם,

און אין אַ אופן אַז טאמער לאזט ער דורך אַ געלעגענהייט, ווייסט מען ניט צי דערנאך וועט ער האבן אָט די געלעגענהייט – נוסף אויף דערויף וגם זה עקר, אַז אויב ער וועט נוצן די געלעגענהייט, איז אָט דעמאלט בא די צווייטע געלעגענהייט וועט ער קענען טאן כפלים לתושיה[6], מה שאין כן אויב בא די געלעגענהייט וועט ער ניט אויסנוצן, וועט ער דעמאלט דארפן אָנהויבן פון דאס-ניי!

והעקר, אַז אין התועלת ואין הכונה און אין המטרה דער רעדן וועגן דעם צו אַ צווייטן, דער כונה בזה איז, אַז אַ איינער זאל רעדן צו יעדער צווייטן וועמען ער טרעפט "האנשים הנשים והטף", און דערציילן זיי וועגן "הקהל" בכל השנים כלם, על-אַחת-כמה-וכמה אין אַ שנת הקהל, און קרוב לחג הסכות, און דערנאך בחג הסכות עצמו וכולהו, און דערציילן בדברים היוצאים מן הלב און גלייך מיט דעם מסקנה שבדבר, אַז דאס מיינט מען אים, ו"המעשה הוא העקר", און דאס מיינט מען זיינע בני בית און דאס מיינט מען זיינע מושפעים,

און אָט דעמאלט האט מען די הבטחה כאָמור, "יגעת[7]" וועט זיין נאך מערער ווי "לפום צערא אַגרא[8]" לויט זיין השתדלות, וועט זיין אויך "ומצאת" אין אַ אופן של מציאָה, וכמוזכר לעיל די אַלע מציאות וועלן זיך צוזאמען לייגן צוזאמען, וועט עס ווערן די איין גרויסע מציאָה פון משיח צדקנו און וועט אַלע צוזאמען געפינען די מציאָה פון דוד מלכא משיחא, (בירושלים) בארץ הקדש, ובירושלים עיר הקדש, ובבית-המקדש השלישי – "מקדש אדנ-י כוננו ידיך" – און דארטן פראווען – אין שנת "תשמח" – דער הקהל בפשטות, "והמלך קורא לפניהם פרשיות בתורה", און מתוך שמחה גדולה.

— • —

5) פרשת ראה פרק יב פסוק כג
6) שמות-רבה רפמ"ו
7) גמרא מגילה דף ו' רע"ב.
8) אבות פרק ה' משנה כא.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.